38) ראה המשך שמח תשמח הנ"ל (ע' רנב ואילך) שהשמחה מגעת בעצמותו ית', למעלה יותר מהמצוה עצמה כו'. ועפ"ז מבואר שם (ע' רסה ואילך. ע' רפב ואילך) הבקשה „שמח תשמח רעים אהובים גו'", שאף שבבחי' „רעים אהובים" (חו"ב) יש ענין השמחה, הרי שמחה זו היא בהגבלה (ע"פ מה שנמשך מלמעלה ע"י סדר השתלשלות), ולכן מבקשים „שמח תשמח" שתומשך ב„רעים אהובים" השמחה העצמי' דא"ס שנמשך ע"י עבודת המטה.

קבים של חבירו[39], במילא איז בא אים טייערער די שמחה וואס קומט דורך זיין אייגענע השתדלות (בערך צו דער שמחה באופן פון מקיים זיין א ציווי)].

און דערפאר דארף מען האלטן אין איין מוסיף זיין בשמחה (נוסף צו דעם טעם הנ"ל פון „מעלין בקודש"), ווייל די שמחה שבעבר איז געווארן ווי א טבע (שני) המזומן לו (ע"ד ווי די שמחה מל־מעלה בערך צו די שמחה בכח עצמו). און דעריבער פאדערט זיך פון אים, אז איצטער זאל ער מוסיף זיין מדילי' נאך א העכערע, נייע דרגא אין שמחה, ביז א דרגא שלא בערך צו די פריערדיקע שמחה. און אזוי דרגא אחר[40] דרגא[41].

און דאס איז נאך לייכטער ארויס־רופן בא זיך, בשעת מ'טראכט זיך אריין אין דעם אז בכל יום (— לאחרי וואס „החזרת בי נשמתי") ווערט ער א „ברי' חדשה"[42], ביז אז ער ווערט נתהווה בכל רגע ורגע מחדש ממש (כתורת הבעש"ט הידועה[43]) — איז וויבאלד אז מ'איז איצ־טער א „ברי' חדשה", און אני נבראתי לשמש את קוני און עבדו את ה' בשמחה איז א ציווי תמידי — דארף איצטער זיין א שמחה חדשה (און ס'איז לגמרי ניט מספיק די שמחה שלו ווי געווען נעכטן און אייער־נעכטן ווארום ער איז איצ־טער א „נייער" מענטש מיט א נייעם ציווי „עבדו את ה' בשמחה").

ו. דערפון איז אויך מובן, אז די (הוספה ב)שמחה עצמה דארף זיין ניט בלויז אין מחשבה ודיבור, נאר דוקא אין מעשה בפועל, א שמחה וואס איז ניכר לעיני בשר בעוה"ז הגשמי והחומרי.

דלכאורה וואלט מען געקענט מיינען, אז וויבאלד שמחה איז א רגש שבלב, איז ניטא קיין הכרח אז דאס זאל ארויס אין מעשה. ואדרבה: וויבאלד אז שמחה איז בלי גבול (פורץ גדר), איז מעשה מגביל די שמחה (ווארום יעדער מעשה האט א ציור והגבלה, משא"כ בא מחשבה ודיבור וועלכע זיינען מער רוחניים, איז ניטא אויף אזוי־פיל הגבלה).

האט מען אבער דעם כלל אז המעשה הוא העיקר[9], א כלל וואס איז גילטיק אין אלע ענינים — ווארום דוקא אין דעם איז די כוונה שלמעלה, צו מאכן א דירה בתחתונים אין עולם העשי' הגשמית[44], „למעשה ידיך תכסוף"[45], דוקא דורך

---

39) ב"מ לח, א.

40) ואף ששמחה היא בל"ג, הפורץ כל גדר — הרי ידוע שבבל"ג עצמו ישנם דרגות. ועד"מ: א"ס נקודות בקו (כי נקודה אין לה מקום), וא"ס קוים בשטח, וא"ס שטחים במעוקב.

41) ועפ"ז גם מובן, שמכיון שהשמחה חדשה באה לאחרי ועל יסוד השמחה שלפנ"ז — הרי זה שמחה נעלית במאד, ועד למעלה מכל הגבלה, כי אפ"ל שמחה ע"י התבוננות בזה שיצא ממצב בלתי רצוי, שהיא שמחה גדולה ביותר (ראה תניא פל"א — מ, סע"א), אבל, מכיון שחושב ומתבונן בהמצב הבלתי רצוי שהי' מקודם — לא ימלט, שגם עכשיו (כששמח מזה שיצא מזה) נרגש איזה שמץ ממצבו הקודם, ושמחתו אינה בתכלית השלימות. ועכ"פ — השמחה היא מוגבלת ומדודה לפי ערך גודל הירידה (ע"ד הפירוש באהבת עולם, ע"י התבוננות בעניני עולם — שיש בזה ההגבלה שהאהבה היא לפי ערך העניני עולם שבהם מתבונן):

משא"כ שמחה הבאה ע"י התבוננות בעניני שמחה (שלפנ"ז) — היא למעלה ממדידה והגבלה (ועאכו"כ בלי שום שמץ של ענינים הפכיים). ע"ד שלימות השמחה שתהי' לע"ל (כשרות הטומאה אעביר מן הארץ), שמחת עולם על ראשם (ישעי' לה, י. נא, יא), עולם בפירושו נצחיות — עליות בשמחה עצמה (ע"ד המבואר באגה"ק סו"ס כו).

42) שו"ע אדה"ז או"ח ס"ז ס"א. וראה יל"ש תהלים רמז תשב.

43) שעהיוה"א בתחלתו.

44) ראה תניא פל"ו.

45) איוב כח, ה.

דעם טוט זיך אויף שלימות למעלה כביכול (אפילו לגבי מחשבה ודיבור של־מעלה[*]).

ולהוסיף, אַז די תכונה פון שמחה (אמיתית) איז דוקא בשעת דאָס דריקט זיך אויס בגלוי ובפועל אויף דעם מענטשן און אויף זיינע תנועות און מעשים (ניט ווי עונג וואָס קען בלייבן בהעלם)[47].

ז. ע"פ הנ"ל איז פאַרשטאַנדיק, אַז אַ איד בכלל, ובפרט אין שנת תשמ"ח, מיט די אַלע אויבנגערעדטע רמזים ועילויים אין שמחה — דאַרף שטיין אין אַ שטענ־דיקן מצב פון עליות אין שמחה, און כסדר זוכן נייע וועגן ווי צו מוסיף זיין אין עניני אידיש־שמחה אין זיין טאָג טעגלעכן לעבן (נוסף צו די עניני שמחה וואָס זיינען געוועזן לפני זה), והוספה על גבי הוספה, ובהדגשה — אַ שמחה וואָס איז ניכר אין מעשה בפועל, בחיי יום יום פון אַ אידן בעוה"ז הגשמי.

ובזה גופא זיינען פאַראַן כמה אופנים ודרגות, בהתאם צו די פאַרשידענע צרכים וענינים אין דעם לעבן פון אַ אידן (וואָס אין זיי אַלע דאַרף זיין שמחה, כנ"ל), ביז די שלימות בזה — דורך בויען בנינים חדשים, כדלקמן.

ח. אַלע באַדערפעניש צרכי האדם טיילן זיך בכללות אין דריי: מזון, לבוש און בית[48].

צווישן די צרכים זעט מען אַ מעלה אין „בית" לגבי „מזון" און „לבוש": „מזון" און „לבוש" זיינען קיים נאָר למשך זמן קצר, שלא בערך וויניקער ווי אַ בית, אַ דירת קבע, וועלכע בלייבט שטיין למשך זמן ארוך.

וואָס דאָס איז בפשטות דער טעם פאַרוואָס לבושים זיינען טייערער צו קויפן ווי מזון, און בתים זיינען נאָך (שלא בערך) טייערער פאַר לבושים — „מפני[49] שהמזון אינו מתקיים הרבה שתיכף אחר שיעור עיכול המזון חוזר ונעשה רעב, משא"כ הלבושים הם מתקיימים לערך שנה ויותר[50], והבתים הם יותר מתקיימים גם מן הלבושים, ולכן בתים דמיהם יקרים מן הלבושים מפני שהם מתקיימים יותר, וכן הלבו־שים יקרים מן המזון".

דער טעם אויף דעם בפנימיות ה־ענינים: „הבתים[51] שרשם למעלה יותר גבוהים מן הלבושים והלבושים מן המזון", „מזון שהוא חיות פנימי נמשך מבחי' ממכ"ע כו', ולכן המזון יש לו

---

46) ואף שלמעלה „כח אין חסר פועל" ובמילא גם בה„מחשבה" אין חסר — הרי אמיתית ענין השלימות הוא לא רק להשלים את החסרון, אלא שלימות בעצם*. וי"ל שזהו גם למעלה — ע"י המעשה בפועל מיתוספת שלימות (אף שגם מקודם לא הי' חסרון ח"ו).

ואדרבה, השלימות דלהשלים החסרון — היא מדידה והגבלה. משא"כ שלימות זו (שלמעלה מלהשלים החסרון) — היא למעלה משיעור ומדה. ונמצא, שהשלימות שנעשית ע"י עבודת האדם במעשה בפועל, היא בל"ג.

47) ראה המשך שמח תשמח הנ"ל בתחלתו.

*) ועי"ד ענין עשירות שהוא למעלה מ„די מחסורו" (כתובות סז, ב).

48) בהבא לקמן ראה ד"ה מזמור שיר חנוכת הבית בלקו"ת ברכה (צח, ד ואילך) ובסידור עם דא"ח (יט, ד ואילך). ועוד.

49) ל' הלקו"ת שם, סע"ד.

50) ורק במדבר הי' הנס שענני הכבוד היו מגהצים בגדיהם במשך כל זמן היותם שם (ארבעים שנה) — פרש"י עקב ח, ד.

51) לקו"ת שם צט, א־ב.

פעולות (וואָס אַ נייע פעולה איז אַזוי ווי אַ „בנין חדש") אין אַלע ענינים טובים, בהפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה.

[נוסף אויף דעם וואָס מ'גיט צו אַ נייע טעטיקייט אין דעם אייגענעם שטוב, אַדער חדר וכיו"ב — משכן ומקדש לה', אויף וועלכע דער אויבערשטער זאָגט „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"[58], כמדובר כמ"פ בארוכה[59]; דאָס איז אָבער אַ הוספה אין אַ בית שכבר קיים, ובנדו"ד — רעדט מען בעיקר וועגן בויען נייע בתים].

ועוד ועיקר — יעדערער און יעדערע[60] בכל מקום ומקום וואָס האָט די מעגלעכקייט בזה זאָל (אָנהויבן) בויען נייע בנינים בגשמיות [אָדער אויב מ'קען אַליין זיך ניט אונטערנעמען די הוצאות אויף בויען — זיך משתתף זיין מיט אַנדערע, כמה ביחד צו בויען],

סיי בנינים ציבוריים, בתי תורה, בתי תפלה, בתי צדקה (אָדער כולם ביחד) — ובפרט אַז באמת דאַרף מען אויף דעם ניט האָבן אַ הוראה מיוחדת אין אַ שנה מיוחדת (פון שנת תשמח), וואָרום אַלע־מאָל איז אַ זמן מסוגל אויף בויען אַזוינע בתים, (ואדרבה — מאי קמ"ל),

און סיי בנינים פרטיים, בניני רשות [וואָס ביי אַ אידן איז אויך אַ בנין של רשות פאַרבונדן מיט עבודת ה' — „בכל דרכיך דעהו", ובפרט אַז דורך בניית בתים בהצלחה איז אַ איד מקיים די מצוה פון פרנסת אשתו ובני ביתו („שארה כסותה גו' לא יגרע"[61]). ובפרט אַז מ'וועט מאַכן אויך פון די בתי רשות אַ משכן ומקדש לה'[62], אָנהויבנדיק דורך מאַכן אַ חנוכת הבית ובשמחה (כנ"ל), וכמנהג ישראל — אָנהויבען מיט אַריינ־ברענגען קינדער אין דעם בית אַלס חנוכת הבית זיי זאָלן דאָרט לערנען אל"ף בי"ת אָדער פסוקי תורה וכיו"ב, און אויך לאחרי זה — אַז דורך דעם בית וועט צוקומען (נאָכמער) אין תומ"צ והפצת היהדות].

וכמובן, איז די בנין במיוחד נוגע צו מוסדות, וואָס יעדער מוסד דאַרף דאָך האָבן אַ בית וואו די משרדים אָדער כתות פון דעם מוסד געפינען זיך — איז איצטער אַ זמן מסוגל ביותר צו בויען (אָדער קויפן) אַ נייעם בנין (ובפרט אויב מ'האָט נאָך ניט אַן אייגענעם בנין), אָדער אויב מ'האָט אַ בנין — אפשר דאַרף מען אַ גרעסערן און שענערן בנין, אָדער מוסיף זיין חדרים צו דעם בנין וכיו"ב.

ומה טוב — אַז מ'זאָל דאָס אָנהויבן בויען (אָדער משלים זיין אַ בנין וועלכע

---

58) תרומה כה, ח.

59) לקו"ש חכ"ה ע' 303 ואילך. קונטרס משיחת ש"פ תרומה תשמ"ז. ועוד.

60) דענין זה שייך הן לאנשים והן לנשים. ולהעיר, אשר בכמה ענינים עיקריים יש לנשים, עקרת הבית, בינה יתירה (בנוגע לבניית בית וסידור החדרים כו'). וכמ"ש חכמות נשים בנתה ביתה (משלי יד, א).

ולהעיר מלקו"ת ברכה שם בסופו (ק, א), בביאור מאחז"ל עה"פ „להניח ברכה אל ביתך", שהברכה לאדם הוא בשביל אשתו, שזהו מה שנאמר „מימי לא קראתי לאשתי אשתי אלא לאשתי ביתי" (שבת קיח, ב), שדוקא בזכות אשתו (בחי' מלכות), הנקרא ביתי (בחי' מקיף דמקיף) נמשך ההמשכה למטה בגשמיות כו'.

61) משפטים כא, י.

62) ועי"ז ניתוסף גם בהבנין עצמו, שע"י זה שנעשה „מקדש מעט", הרי הוא קיים (לא רק למשך זמן ארוך, כ"א) לעולם ועד, כי לע"ל יעתיקו כל בתי כנסיות כו' לארץ ישראל (מגילה כט, א).

מ׳האָט אָנגעהויבן, עכ״פ אַ חדר וכיו״ב) נאָך אין דעם יאָר, שנת תשמח, אָדער אויב דאָס איז ניט בכדי שיעשה (בדרך הטבע) — עכ״פ מאַכן גלייך (בשנה זו) די החלטה טובה בזה, און טאָן וואָס מער אויף דאָס אַראָפּברענגען בפועל (דורך שרייבן די החלטה בכתב, איבערגעבן אויך צו אַ צווייטן, און זיך פאַרבינדן מיט די וועלכע דאַרפן בויען וכיו״ב), אַזוי אַז בסמיכות הכי אפשרית זאָל מען קענען אָנהויבן די בני׳ בפועל.

און זייענדיק אַ שנת תשמח און שנת הצלחה (כנ״ל), וועט דער אויבער־שטער זיכער מצליח זיין יעדערן און יעדערע אין דעם.

י. בכדי מאַכן אַ התחלה טובה בזה, „אויפעפענען די וועג״, צו געבן נאָכ־מער כח צו אידן בכל מקום שהם צו בויען בנינים חדשים — האָט מען אין דעם אָנגעהויבן טאָן עטלעכע טעג צוריק[63] דורך אָוועקשטעלן דעם „אבן הפינה״ פון דעם בית הכנסת ובית המדרש פון נשיא דורנו כ״ק מו״ח אדמו״ר[64] (וואו עבד עבודתו בעשר שנים האחרונות בחיים חיותו בעלמא דין, און דאָס בלייבט ביתו עד סוף כל הדורות, וואָרום אויך לאחרי ביאת המשיח וועט דאָס נעתק און מיטגע־נומען ווערן אין ארץ ישראל[65]), און גע־טאָן דאָס מתוך שמחה, און פאַרבונדן מיט איבער׳חזר׳ן דברי תורה, שבכתב ושבע״פ, און במיוחד — דברי תורתו פון נשיא דורנו.

און פון דער התחלת הבני׳ פון בית נשיא דורנו, וואָס הנשיא הוא הכל — באַקומט יעדערער פון דעם דור נאָכ־מער כח צו אָנהויבן בויען בנינים, כל אחד ואחת במקומו הוא.

*

יא. נאָך אַן ענין שהזמן גרמא אויף וועלכן מ׳דאַרף מעורר זיין:

שטייענדיק געציילטע טעג פאַר די קומענדיקע ימים טובים, ראש השנה, עשי״ת, ש״ש, ערב יום הכפורים ויום הכפורים, און חג הסוכות שמע״צ ושמח״ת — דערמאָנט מען נאָכאַמאָל וועגן דעם אַז מ׳זאָל צושטעלן (בסבר פנים יפות) צו כל הזקוקים לזה די געלט כדי זיי זאָלן קענען האָבן אַלע צרכי החגים.

אָנהויבנדיק פון „אכלו משמנים ושתו ממתקים״ בראש השנה[66], און דערנאָך די מאכלים פאַר די סעודות בש״ש בערב יוהכ״פ און מוצאי יוהכ״פ, און דערנאָך פאַר די סעודות און צרכים פון חג הסוכות, סוכה וד׳ מינים,

אַזוי אַז יעדער איד זאָל קענען פראַ־וועןדי ימים טובים בשמחה ובטוב לבב, מתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף.

זעלבסטפאַרשטאַנדיק, אַז ס׳איז אויך כדאי מודיע זיין פאַראויס אַז די אַלע וואָס דאַרפן אָנקומען צו הילף, וועלן זיכער באַקומען אַלץ וואָס זיי דאַרפן — וואָס די הודעה גופא גיט צו אין דער מנוחת הנפש ומנוחת הגוף.

63) ביום ג׳ פ׳ תבוא אל הארץ גו׳ ובנית. וראה השיחה שנאמרה ביום זה.

64) להעיר, שחנוכת ביהכ״נ דנשיא דורנו (במקום זה) בשנת ש״ת היתה ביום כ״א אלול — הקביעות דש״פ תבוא בשנה זו.

65) מגילה שם.

66) נחמי׳ ח, י. שו״ע אדה״ז או״ח סתקפ״ג ס״ר. וראה לקו״ש חי״ד ע׳ 369 ואילך.

דערביי אונטערשטרייכט מען, אז דאָס (צושטעלן צרכי החג לכל הזקוק לזה) איז ניט קיין זאַך של מה־בכך ח״ו, נאָר דאָס איז אַ מצוה מן התורה וכלל גדול בכל התורה כולה — "ואהבת לרעך כמוך"[67], ווי יעדערער זאָגט פאַרן דאַווענען בכל בוקר.

וכמובן, אַז בשעת מ׳גייט דערנאָך דאַווענען און בעטן דעם אויבערשטן פאַר די אייגענע צרכים, לאחרי ההקדמה פון קבלת אהבת ישראל — דאַרף מען באַווייזן אז מ׳טוט אין צוצושטעלן דעם צווייטן זיינע צרכים.

ובנוגע לפועל: יעדערער און יעדערע האָט די אחריות צו זען אַז הזקוקים לזה זאָלן האָבן אַלע צרכי החג. וואָס דאָס קען מען לייכט אויספירן דורך געבן געלט צו די פאַרשידענע מוסדות וואָס תפקידם איז העלפן אַזוינע מענטשן.

אפילו די וואָס האָבן שוין געגעבן לזה, דאַרפן זיך נאָכאַמאָל באַטראַכטן אפשר קענען און דאַרפן זיי אין דעם מוסיף זיין.

*

יב. די הוספות אין אַלע גוטע פעו־לות וועלן זיכער צוגעבן נאָך אין די ברכות פון דעם אויבערשטן צו יעדער איד און אַלע אידן — ובנוסח דכל בנ״י הכללי אַ כתיבה וחתימה טובה, לשנה טובה ומתוקה בטוב הנראה והנגלה, בגשמיות וברוחניות וברוחניות וב־גשמיות גם יחד,

און בקרוב ממש — זוכה זיין צו גיין אַלע אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, אין בית המקדש השלישי, מקדש אד׳ כוננו ידיך[68], ובפרט דורך דער הכנה מעין זה — דורך בויען בנינים חדשים בכל מקום נאָך אין זמן הגלות, כנ״ל באריכה,

ובמהרה בימינו ממש, ושמחת עולם על ראשם.

67) קדושים יט, יח ובתו״כ שם.

68) בשלח טו, יז ובפרש״י.


בס"ד. משיחת ש"פ תבוא, כ"א אלול ה'תשמ"ח.

א. מ'האט גערעדט כמה פעמים במשך דעם יאר[1], אז היי-יאר איז אויסגעטיילט פון אנדערע יארן אין דעם ענין השמחה:

דער מספר השנה לבריאת העולם (ווי ער ווערט אנגערופן ע"פ מנהג ישראל) איז תשמ"ח[2], וואס דאס באדייט אז מ'זאל זיין שמח, תשמח (זיך אליין) און תשמח (אחרים) - א יאר וואס זיין עבודה מיוחדת איז זיין בשמחה אין אלע ענינים, "עבדו את ה' בשמחה"[3],

. . דער מספר השנה ~~לבריאת העולם~~ (ווי ער ווערט אנגערופן ~~ע"פ~~ **לויטן** מנהג ~~ישראל~~ **פון אידן) לבריאת העולם** איז תשמ"ח, וואס דאס באדייט אז מ'זאל זיין **אידיש**-שמח, תשמח (~~זיך~~ אליין) און תשַמח (אחרים) - א יאר וואס זיין עבודה מיוחדת איז ~~זיין~~ בשמחה אין אלע ענינים, "עבדו את ה' בשמחה",


און דאס איז נאך לייכטער ארויסרופן בא זיך, בשעת מ'טראכט זיך אריין אין דעם אז בכל יום (לאחרי וואס "החזרת בי נשמתי") ווערט א איד א "ברי' חדשה"[41], ביז אז ער ווערט נתהווה בכל רגע ורגע מחדש (כתורת הבעש"ט הידועה[42]) - איז וויבאלד אז מ'איז איצטער זיך א "ברי' חדשה", און אני נבראתי לשמש את קוני ועבדו את ה' בשמחה איז א ציווי תמידי - דארף איצטער זיין א שמחה חדשה (און ס'איז לגמרי ניט מספיק די שמחה שלו נעכטן און אייער-נעכטן ווארום ער איז איצטער א "נייער" מענטש מיט א נייעם ציווי "עבדו את ה' בשמחה").

. . און דאס איז נאך לייכטער ארויסרופן בא זיך, בשעת מ'טראכט זיך אריין אין דעם אז בכל יום - (לאחרי וואס "החזרת בי נשמתי") ווערט ~~א איד~~ **ער** א "ברי' חדשה", ביז אז ער ווערט נתהווה בכל רגע ורגע מחדש **ממש** (כתורת הבעש"ט הידועה) - איז וויבאלד אז מ'איז איצטער ~~זי~~ א "ברי' חדשה", און אני נבראתי לשמש את קוני **און** ~~ו~~עבדו את ה' בשמחה איז א ציווי תמידי - דארף איצטער זיין א שמחה חדשה (און ס'איז לגמרי ניט מספיק די שמחה שלו **ווי געווען** נעכטן און אייער-נעכטן ווארום ער איז איצטער א "נייער" מענטש מיט א נייע**ם** ציווי "עבדו את ה' בשמחה").


חדשים, כדלקמן.

ח. אלע צרכי האדם טיילן זיך בכללות אויף דריי: מזון, לבוש און בית[47].

צווישן די צרכים זעט מען אבער א מעלה אין "בית" לגבי "מזון" און לבוש": "מזון" און "לבוש" זיינען קיים נאר למשך זמן קצר, שלא בערך וויניקער ווי א בית, א דירת קבע, וועלכע בלייבט שטיין למשך זמן ארוך.

אלע **באדערפענישען** צרכי האדם טיילן זיך בכללות ~~אויף~~ **אין** דריי: מזון, לבוש און בית.

צווישן די צרכים זעט מען ~~אבער~~ א מעלה אין "בית" . .


[נוסף אויף דעם וואס מ'גיט צו א נייע טעטיקייט אין מאכן פון דעם אייגענעם שטוב, אדער חדר וכיו"ב - משכן ומקדש לה', אויף וועלכע דער אויבערשטער זאגט "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", כמדובר כמ"פ בארוכה[57]; דאס איז אבער א הוספה אין א בית שכבר קיים, ובנדו"ד - רעדט מען וועגן בויען נייע בתים],

[נוסף אויף דעם וואס מ'גיט צו א נייע טעטיקייט אין ~~מאכן פון~~ דעם אייגענעם שטוב, אדער חדר וכיו"ב - משכן ומקדש לה', אויף וועלכע דער אויבערשטער זאגט "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", כמדובר כמ"פ בארוכה; דאס איז אבער א הוספה אין א בית שכבר קיים, ובנדו"ד - רעדט מען **בעיקר** וועגן בויען נייע בתים],


אויף בויען - זיך משתתף זיין מיט אנדערע, כמה ביחד צו בויען אדער קויפן], סיי בנינים ציבוריים, בתי תורה, בתי תפלה, בתי צדקה (אדער כולם יחד) - וואס באמת דארף מען אויף דעם ניט האבן א הוראה מיוחדת אין א שנה מיוחדת (פון שנת תשמח וכו'), ווארום אלעמאל איז א זמן מסוגל אויף בויען אזוינע בתים, ומאי קמ"ל.

.. אויף בויען - זיך משתתף זיין מיט אנדערע, כמה ביחד צו בויען ~~אדער קויפן~~],

סיי בנינים ציבוריים, בתי תורה, בתי תפלה, בתי צדקה (אדער כולם **ב**יחד) - וואס **ובפרט אז** באמת דארף מען אויף דעם ניט האבן א הוראה מיוחדת אין א שנה מיוחדת (פון שנת תשמח וכו'), ווארום אלעמאל איז א זמן מסוגל אויף בויען אזוינע בתים, (**ואדרבא** - ומאי קמ"ל) ..


פרנסת אשתו ובני ביתו ("שארה כסותה גו' לא יגרע"[59]). ובפרט אז מ'וועט מאכן אויך פון די בתי רשות א משכן ומקדש לה'[60], אנהויבנדיק דורך מאכן א חנוכת הבית ובשמחה (כנ"ל), וכמנהג ישראל - אויך אריינברענגען קינדער אין דעם בית, זיי זאלן דארט לערנען אל"ף בי"ת אדער פסוקי תורה וכיו"ב, און אויך לאחרי זה - אז דורך דעם בית וועט צוקומען אין תומ"צ והפצת היהדות.

.. אנהויבנדיק דורך מאכן א חנוכת הבית ובשמחה (כנ"ל), וכמנהג ישראל - ~~אויך~~ **אנהויבען מיט** אריינברענגען קינדער אין דעם בית **אלס חנוכת הבית** זיי זאלן דארט לערנען אל"ף בי"ת אדער פסוקי תורה וכיו"ב, און אויך לאחרי זה - אז דורך דעם בית וועט צוקומען **(נאך מער)** אין תומ"צ והפצת היהדות].

אין דעם.

י. בכדי מאכן א התחלה טובה בזה און אויפעפענען די וועג, און געבן נאכמער כח צו אידן בכל מקום שהם צו בויען בנינים חדשים - האט מען אין דעם אנגעהויבן טאן עטלעכע טעג צוריק[61] דורך אוועקשטעלן דער "אבן הפינה" פון דעם בית הכנסת ובית המדרש פון נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר[61*] (וואו עבד עבודתו בעשר שנים האחרונות בחיים חיותו בעלמא דין, און דאס בלייבט ביתו עד סוף כל הדורות, ווארום אויך לאחרי ביאת המשיח וועט דאס נעתק ווערן אין ארץ ישראל[62]), און געטאן דאס מתוך שמחה, און פארבונדן מיט איבער'חזר'ן דברי תורה, שבכתב ושבע"פ, און במיוחד - דברי תורתו פון נשיא דורנו.

בכדי מאכן א התחלה טובה בזה און "אויפעפענען די וועג", און **צו** געבן נאכמער כח צו אידן בכל מקום שהם צו בויען בנינים חדשים - האט מען אין דעם אנגעהויבן טאן עטלעכע טעג צוריק דורך אוועקשטעלן דער "אבן הפינה" פון דעם בית הכנסת ובית המדרש פון נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר (וואו עבד עבודתו בעשר שנים האחרונות בחיים חיותו בעלמא דין, און דאס בלייבט ביתו עד סוף כל הדורות, ווארום אויך לאחרי ביאת המשיח וועט דאס נעתק **און מיטגענומען** ווערן אין ארץ ישראל). .

יב. די הוספות אין אלע גוטע פעולות וועלן זיכער צוגעבן אין די ברכות פון דעם אויבערשטן צו יעדער איד און אלע אידן - פאר א כתיבה וחתימה טובה, לשנה טובה ומתוקה בטוב הנראה והנגלה, בגשמיות וברוחניות וברוחניות ובגשמיות גם יחד,

די הוספות אין אלע גוטע פעולות וועלן זיכער צוגעבן **נאך** אין די ברכות פון דעם אויבערשטן צו יעדער איד און אלע אידן - **ובנוסח דכל בנ"י הכללי** ~~פאר~~ א כתיבה וחתימה טובה, לשנה טובה ומתוקה בטוב הנראה והנגלה, בגשמיות וברוחניות וברוחניות ובגשמיות גם יחד. .

2) בלי מספר האלפים (ה' אלפים). וכן כותבים בשטרות רק מספר המאות (בלי מספר האלפים). - ולהעיר אשר המשכי ודרושי חסידות נקראים (גם ע"י רבותינו נשיאינו) על שם השנה במספר המאות (בלי מספר האלפים), כמו: המשך תרס"ו, המשך תער"ב, ועוד; וכן המאמרים פרטים, כמו: מאמרי עזר"ת, פרז"ת, וכן בשאר השנים.

2) בלי מספר האלפים (ה' אלפים). וכן כותבים **בכמה** בשטרות רק מספר המאות **וכו'** (בלי מספר האלפים). - ולהעיר אשר המשכי ודרושי חסידות נקראים (גם ע"י רבותינו נשיאינו) על שם השנה **מתחיל** במספר **ה**מאות (בלי מספר האלפים), כמו: המשך תרס"ו, המשך תער"ב, ועוד; וכן **כמה** המאמרים ~~פרטיים~~ **שלא בהמשך**, כמו: מאמרי עזר"ת, פזר"ת, וכן בשאר השנים.

27) כדעת הספרי "והי' כי תבוא - אין והי' אלא מיד", שהחיוב דביכורים תלוי רק בביאה לארץ. ומש"כ "וירשת וישבת בה" - הנה לא תנאי בעצם החיוב, ורק דכיון שביכורים צ"ל "מראשית פרי האדמה אשר נתת לי ה'", א"א לקיים המצוה בפועל עד לאחרי "וירשתה וישבת בה", כשיש לבעל השדה חלק מבורר בארץ.

והנפקותא מזה בנוגע לפועל - בנוגע ל"דושנה של יריחו" שמיד בעת הכיבוש, הי' זה חלק מבורר דבני יתרו (ספרי בהעלותך יו"ד, לב). דלשיטת הספרי ש"וירשתה וישבתה בה" הוא רק בכדי שהבכורים יהיו "מראשית פרי האדמה אשר נתת לי" - כשכבשו את יריחו ונתיישבו שם, נתחייבו מיד בביכורים (כמבואר כ"ז בארוכה בלקו"ש תבוא תשמ"ז).

ויש להוסיף, שגם לפי שיטת הש"ס (קידושין לז, ב) ש"וירשתה וישבת בה" הוא תנאי בגוף החיוב, וכלשון רש"י (ריש פרשתנו) "שלא נתחייבו בבכורים עד שכבשו את הארץ וחלקוה" - אין זה סותר ל"אין והי' אלא מיד", כי גם הכיבוש והחלוקה היתה אפשרית להיות מיד*. ועד"ד שהי' ביריחו (מנעולה של ארץ ישראל) שנכבשה מיד (ע"י תקיעת הכהנים בשופרות, בלי מלחמה, כמסופר ביהושע קאפיטל ו), וגם חלוקתה (לבני יתרו) הי' מיד (כנ"ל) - עד"ז הי' אפשר (ובפרט באם הכניסה לארץ היתה ע"י משה) להיות בכל ארץ ישראל.

*) שהרי ברש"י לא נזכר "שבע שכבשו ושבע שחילקו" (כבירושלמי חלה פ"ב ה"א), ורק "שכבשו כו' וחלקוה", שהי' אפשר להיות מיד, כבפנים ההערה.

27) ~~כדעת ה~~ **ב**ספרי "והי' כי תבוא - אין והי' אלא מיד", ~~שהחיוב דביכורים תלוי רק בביאה לארץ~~. ומש"כ "וירשת וישבת בה" - הוא **אולי י"ל** לא תנאי בעצם החיוב, ורק דכיון שביכורים צ"ל "מראשית פרי האדמה אשר נתת לי ה'", א"א לקיים המצוה בפועל עד לאחרי "וירשתה וישבת בה"..

..(כמבואר כ"ז בארוכה בלקו"ש תבוא תשמ"ז). **ועצ"ע.**

ויש להוסיף, שגם לפי ~~שיטת~~ הש"ס (קידושין לז, ב) ש"וירשתה וישבת בה" ~~הוא תנאי בגוף החיוב~~, וכלשון רש"י (ריש פרשתנו) "שלא נתחייבו בבכורים עד שכבשו את הארץ וחלקוה" - אין זה סותר ל"אין והי' אלא מיד", **אלא ארי' הוא דרביע עלי'** ( ) כי ~~גם~~ הכיבוש והחלוקה היתה אפשרית להיות מיד **ממש***..

*) ~~שהרי~~ **ולהעיר ש**ברש"י לא נזכר "שבע שכבשו ושבע שחילקו" (כבירושלמי חלה פ"ב ה"א), ורק "שכבשו כו' וחלקוה", ~~שהי' אפשר להיות מיד, כבפנים ההערה~~.

58) דענין זה שייך הן לאנשים והן לנשים. ולהעיר, אשר בענינים עיקריים יש לנשים, עקרת הבית, בינה יתירה (בנוגע לבניית בית וסידור החדרים כו'.

58) דענין זה שייך הן לאנשים והן לנשים. ולהעיר, אשר **בכמה** בענינים עיקריים יש לנשים, עקרת הבית, בינה יתירה (בנוגע לבניית בית וסידור החדרים כו'..

**ב״ה, מוצאי ש״ק פ׳ תבוא אל הארץ,**
**כ״א אלול,**
**שבת סליחות, ה׳תנש״א,**
**ברוקלין, נ.י.**

**אל בני ובנות ישראל**
**בכל מקום שהם**
**ה׳ עליהם יחיו**

**שלום וברכה!**

**קומענדיק פון שבת קודש, ווען מען האָט געלייענט ברבים די סדרה פון „תבוא אל הארץ", וועלכע הויבט זיך אָן מיט מצות** ביכורים **(מיט מערערע פרטים פון הבאת ביכורים),**

**אין די פּאַסענדע צייט — לאחרי הפתיחה בברכה, ברכה שהזמן גרמא, ברכת כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה — אָפּצושטעלן זיך אויספירלעכער אויף דעם וואָס איז באַרירט געוואָרן בקיצור אין פאַריקן בריוו וועגן מצות ביכורים, אַז דער אינהאַלט פון הבאת ביכורים איז די אַנערקענונג אַז די ברכה פון דעם אויבערשטן ברענגט אַ אידן די שפע תבואות און פירות אין זיין פעלד, וואָס דערפאַר גיט ער אַוועק דעם אויבערשטן** מראשית כל פרי האדמה, **פון די ערשטע און בעסטע פרוכטן פון דער פעלד, און דאַנקט דעם אויבערשטן פאַר אַלע זיינע חסדים.**

**באַ אַ אידן איז דאָ דער שטענדיקער געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום אויבערשטן פאַר זיינע חסדים אין בני חיי ומזוני, און די פרטים און פרטי פרטים אין**

---

מוצאי ש״ק . . שבת סליחות: **ראה מכתב מוצש״ק כ״ה אלול ה׳תשד״מ הערות ד״ה „מוצאי שבת־קודש" וד״ה „מוצאי שבת־קודש . . שבת סליחות"** (לקו״ש חכ״ד ע׳ 647). וש״נ.

כ״א אלול: **יום חנוכת בית הכנסת ובית המדרש המרכזי דליובאַוויטש שבליובאַוויטש („770") בשנת ה׳ש״ת. המאמר שנאמר אז — נדפס בסה״מ ה׳ש״ת ע׳ 160. השיחה — בספר השיחות ה׳ש״ת ע׳ 176־7.**

סליחות: **פעולת ימי הסליחות לאחרי העבודה בימי אלול הקודמים — ראה כתר שם טוב (הוצאת קה״ת) הוספות סי׳ יג. וש״נ.**

מערערע פרטים: **עוד פרטים ראה במס׳ בכורים פ״ג. ברמב״ם הל׳ ביכורים פ״ג ופ״ד.**

הפתיחה בברכה: **ע״פ פתיחת אגרת הראשונה באגה״ק שבתניא. וראה מכתב עש״ק ח״י אלול ה׳תשד״מ הערה ד״ה פותחין בברכה** (לקו״ש חכ״ד ע׳ 641). **וש״נ.**

אין פאַריקן בריוו: **דיום ד׳ פ׳ תבוא אל הארץ גו׳, ח״י אלול** (לעיל ע׳ 456 ואילך).

מראשית כל פרי האדמה: **תבוא כו, ב.**

דער שטענדיקער געפיל פון דאַנקבאַרקייט צום אויבערשטן: **להעיר מב״ר פי״ד, ט: על כל נשימה ונשימה שאדם נושם צריך לקלס לבורא. יל״ש עה״פ (תהלים קנ, ו) כל הנשמה תהלל י״ה (רמז תתפט). וראה לקו״א להה״מ (הוצאת קה״ת) סי׳ רא (נ, ד). או״ת ע, ד (בהוצאת קה״ת תש״מ ואילך — סי׳ רל).**

יעדן פון זיי, ווי מיר זאָגן יעדן טאָג, דריי מאָל: „נודה לך . . על חיינו המסורים בידך . . ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת ערב ובוקר וצהרים".

נאָך מער: אפילו צווישן די אומות העולם, וועלכע גלויבן און אַנערקענען אַז דער אויבערשטער איז דער בורא עולם ומנהיגו – וואָס אַזוי דאַרף זיין און וועט ענדלעך זיין אין אַ פולקאָמען אופן ווען די וועלט וועט זיין ווי זי דאַרף זיין, ווי מיר בעטן אין די תפילות פון ראש־השנה: וידע כל פעול כי אתה פעלתו ויבין כל יצור כי אתה יצרתו ויאמר כל אשר נשמה באפו ה' אלקי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה (יעדע באַשאַפענע זאַך וועט וויסן און פאַרשטיין אַז דו, ג־ט איז זיין באַשעפער, און יעדער איינער וואָס אָטעמט וועט זאָגן: השם דער ג־ט פון ישראל איז דער מלך, און זיין מלכות הערשט איבער דעם גאַנצן באַשאַף) – געפינען מיר די הנהגה צו דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר זייער שפייז אד"ג.

געפינט מען אָבער אין דער מצוה פון ביכורים אַ טיפערן און מער אַרומנעמענדיקן אויסדרוק פון אַנערקענונג און דאַנקבאַרקייט צום אויבערשטן: דער איד ברענגט אַרויס זיינע דאַנקבאַרשאַפט־געפילן צום אויבערשטן פאַר דער גערעטעניש ניט בלויז בדיבור, נאָר ער דריקט עס אויס אין אַ שטאַרקן אופן אין מעשים – ער נעמט די ערשטע און בעסטע פון זיינע פירות, מראשית כל פרי האדמה, און ברענגט זיי אין בית המקדש, תביא בית ה' אלקיך, און לייגט זיי אַוועק פאַרן אויבערשטן, והנחתו לפני ה' אלקיך.

און אינעם ברענגען און איבערגעבן דאָס בעסטע און שענסטע צום אויבערשטן שפיגלט זיך אָפּ די פולע אַנערקענונג אַז לה' הארץ ומלואה, אַז אַלץ באַלאַנגט צום אויבערשטן; דער איד באַשרענקט זיך ניט מיט דער הכרה אַז דאָס וואָס ער פאַרמאָגט קומט צו אים בחסדי השם וברכתו ית' – נאָר ער באַווייזט מיטן ברענגען די בכורים אַז אויך נאָכן באַקומען די שפע פירות געהערט עס נאָך אַלץ צום בורא עולם, ווייל „לה' הארץ ומלואה" – און דערפאַר ברענגט ער די ראשית כל פרי האדמה (דאָס ערשטע און בעסטע) לפני ה' אלקיך, אַז עס בלייבט אין רשות פון אויבערשטן.

* * *

---

זאָגן יעדן טאָג: בתפילת העמידה ברכת מודים.

דריי מאָל: ובשבת (ויוהכ"פ) ארבע (וחמש) פעמים.

אין די תפילות פון ראש־השנה: בתפלת העמידה (בברכת „אלקינו כו' מלוך כו'").

תביא בית ה' אלקיך: משפטים כג, יט. תשא לד, כו.

והנחתו לפני ה' אלקיך: תבוא כו, י.

לה' הארץ ומלואה: תהלים כד, א.

אויך נאָכן באַקומען די שפע פירות געהערט עס . . צום בורא עולם: וע"ד לשון ס' החינוך (מצוה שכח) בנוגע לשנת השמיטה: שיראה ממעשה האדם בכל ענין שנה זו (דשמיטה) כאילו אין דבר מיוחד ברשותו רק שהכל ברשות אדון הכל.

**ווי באַוואוסט, ווערן אידן אָנגערופן „ביכורים"**, כביכורה בתאנה בראשיתה ראיתי אבותיכם, **ווייל זיי זיינען די „ראשית" פון וועלט – פריער און העכער פון אַלץ וואָס איז באַשאַפן געוואָרן** – מחשבתן של ישראל קדמה לכל דבר: **וואָרום אידן זיינען דער תכלית פון דער גאַנצער בריאה, ווי חז"ל זאָגן אויפן פסוק „בראשית ברא אלקים", אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוליב אידן וועלכע ווערן אָנגערופן „ראשית". און דאָס באַציט זיך צו יעדן איינצלנעם איד, צו אנשים נשים וטף, ווי חז"ל זאָגן** כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם **(יעדער איד דאַרף זאָגן אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוליב אים).**

**כשם ווי ביכורים אין פשטות דאַרפן געבראַכט ווערן אין ירושלים און אַוועקגעלייגט ווערן אין בית המקדש,** לפני מזבח ה' אלקיך **– אַזוי איז אויך בנוגע אידן: זייענדיק די „ביכורים" פון וועלט, איז דער אמת'ער „אָרט" פון אידן, פון יעדער אידן,** לפני ה' אלקיך, **אין בית המקדש.**

**וואָרום די עיקר'דיקע מציאות פון אַ אידן איז זיין ג־טלעכע נשמה, וועלכע איז אַ** חלק אלקה ממעל ממש, **און דעריבער, איז יעדער איד, אין וועלכן מצב ער זאָל זיך נאָר געפינען, איז ער פאַרבונדן און געבונדן מיט דעם אויבערשטן און דערפאַר דאַרף ער זיך געפינען** לפני ה' אלקיך.

**און דער געדאַנק דאַרף דורכדרינגען דעם גאַנצן לעבן פון אַ אידן בכלל און אויך בפרט. אַ איד דאַרף פילן** ווי יעדער פרט **פון זיין לעבן איז אַן ענין פון „ביכורים" צו השם יתברך: ניט נאָר ווען ער איז אַריינגעטאָן אין ג־טלעכע ענינים, די ענינים פון לימוד התורה און קיום המצוות, נאָר אפילו ווען ער איז באַשעפטיקט**

---

ווי באַוואוסט, ווערן אידן אָנגערופן „ביכורים": **זהר ח"ג רנג, א (ברע"מ). וראה זח"ב קכא, רע"א (ברע"מ). – הובאו ונתבארו באוה"ת פ' תבוא (ע' תתרלג ואילך. שם ע' תתרלט ואילך). סה"מ תרנ"ד ע' רפד ואילך. וראה אסת"ר פ"ט, ב.**

אידן . . זיינען די „ראשית" פון וועלט: **כמ"ש (ירמי' ב, ג) קדש ישראל לה' ראשית תבואתו. וראה זהר ח"ב וח"ג שם. תדבא"ר פי"ד. ויק"ר פל"ו, ד. תנחומא (באבער) בראשית ג. פרש"י ר"פ בראשית. ד"ה קדש ישראל לה' בלקו"ת פינחס עט, סע"ב ואילך. אוה"ת פינחס ס"ע א'רג ואילך. שם ע' א'ריב ואילך. תבוא שם. סה"מ תר"ל ע' רה ואילך.**

כביכורה . . אבותיכם: **הושע ט, י.**

מחשבתן של ישראל קדמה לכל דבר: **ב"ר פ"א, ד.**

ווי חז"ל זאָגן . . „ראשית": **תנחומא (באבער), ויק"ר ופרש"י שם. וראה אוה"ת להה"מ בתחלתו.**

בראשית ברא אלקים: **בראשית א, א.**

ווי חז"ל זאָגן . . העולם: **סנהדרין לז, סע"א במשנה. וראה פירוש המשניות להרמב"ם בהקדמתו ד"ה דע כי הקדמונים חקרו.**

לפני מזבח ה' אלקיך: **תבוא כו, ד.**

די עיקר'דיקע מציאות פון אַ אידן איז זיין ג־טלעכע נשמה: **ראה תניא פכ"ט (לו, א). ר"פ לב. שעהיוה"א פ"ו (פ, סע"ב). רדב"ז לרמב"ם הל' ממרים פ"ב ה"ד.**

חלק אלקה ממעל ממש: **תניא רפ"ב.**

מיט וואָכעדיקע וועלט־זאַכן פון פרנסה וכדומה — וויבאַלד זיי זיינען דאָך דברי הרשות פון אַ אידן, געהערן אויך זיי צום ענין פון ביכורים, ובמילא דאַרפן זיי זיין דורכגענומען מיט דער פולסטער און העכסטער מאָס דערהויבנקייט און הייליקייט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ זאַך וואָס ווערט געטאָן לפני ה׳ אלקיך.

און אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן אַן איינציקע מחשבה, אַ דיבור אָדער אַ מעשה, וואָס זעט אויס מינדערווערטיק אין פאַרגלייך צו אַנדערע זיינע מחשבות, דיבורים און מעשים — אָבער ביים אַריינטראַכטן זיך ווי געהעריק, אַז אויך די מחשבה, דבור אָדער מעשה איז אַ טייל פון „ביכורים״, וואָס ווערט געבראַכט אין בית המקדש, לפני ה׳ אלקיך — און דער כהן אשר יהי׳ בימים ההם גיט אַכטונג אויף זיין יעדער תנועה — וועט ער געוויס זיך באַמיען און אָנשטרענגען אַז יעדער מינדסטע זאַך, יעדער איינצלנער פרט פון זיין הנהגה, זאָל געטאָן ווערן מיט דער פולסטער אויפמערקזאַמקייט און אָפּגעהיטנקייט.

אַזוי ווי מיר געפינען עס ביי דער מצוה פון ביכורים אין פשטות, אַז דאָס ברענגען די ביכורים ווערט דורכגעפירט מיט גרויס צוגעטראָגנקייט און אויפמערק־זאַמקייט ביי יעדן פרט: גלייך ביים אָנהויב, ביים אָפּשיידן די ביכורים, איז אדם יורד לתוך שדהו ורואה תאנה שבכרה כורך עלי׳ גמי לסימן ואומר הרי זו בכורים; דערנאָך נעמט ער צוזאַמען די פירות, פירט זיי אַליין דעם גאַנצן וועג, ביז ער ברענגט זיי אין באַצירטע קאָרבן כו׳ קיין ירושלים אין בית המקדש, מיטן גאַנצן פיל־פּרטימדיקן סדר פון הבאת ביכורים, ווי געשילדערט אויספירלעך דורך חז״ל.

און צוזאַמען מיטן געפיל פון גרויסער אחריות, און זהירות פון אידן אין יעדן פרט פון זיין „ביכורים״־הנהגה, ווערט ער דורכגענומען מיט דער געוואַלדיקער שמחה פון דעם גרויסן גליק וואָס ער האָט זוכה געווען בהשגחה פרטית צו זיין דעם אויבערשטנ׳ס „ביכורים״ און קענען „ברענגען״ זיך מיט אַלע זיינע מחשבות דיבורים און מעשים און זיי אַוועקגעבן צו דעם אויבערשטן,

און אַזוי געפינען מיר אין דעם גרויסן פייערלכען סדר פון הבאת ביכורים אין

---

דברי הרשות . . דורכגענומען מיט . . הייליקייט: ראה גם מכתב עש״ק ח״י אלול תשמ״ג (לקו״ש חכ״ד ע׳ 622 ואילך). ושׁ״נ.

כהן אשר יהי׳ בימים ההם: *תבוא כו, ג.*

אדם יורד לתוך שדהו כו׳: פרש״י עה״פ תבוא כו, ב. מביכורים פ״ג מ״א. תוספתא ביכורים פ״ב ה״ז. פרש״י עה״פ משפטים כג, יט. רמב״ם הל׳ ביכורים פ״ב הי״ט.

ער . . פירט זיי אַליין: ד„המפריש ביכוריו להעלותם בידו לירושלים, לא ישלחם ביד שליח״ — רמב״ם שם פ״ב הכ״א, מירושלמי ביכורים פ״א ה״ה. וראה להלן בפנים, ובהנסמן שם הערה ד״ה קומענדיק.

ווי געשילדערט אויספירלעך דורך חז״ל: ביכורים פ״ג. רמב״ם שם פ״ג הי״ב ואילך. פ״ד הט״ז ואילך.

**פשטות, ביז אַז במשך דעם גאַנצן וועג גייענדיק קיין ירושלים** קורין שמחתי באומרים לי בית ה׳ נלך, **און קומענדיק אין ירושלים און הר הבית, האָט יעדער ברייגנער פון ביכורים אַליין געגומען זיין „סל״, ביכורים־קאָרב אויף זיין אַקסל און געלויבט דעם אויבערשטן** – ואומרין הללוי׳ הללו א־ל בקדשו וכו׳ עד כל הנשמה תהלל י־ה הללוי׳, **און גאָר באַזונדערס איז די שמחה געווען גרויס ביים קומען אין בית המקדש, נאָכן אַוועקלייגן די ביכורים** לפני מזבח ה׳ אלקיך, **וואָס דעמאָלט איז** וענית ואמרת – **האָט ער געזאָגט הויך, קלאָר און מיט גרויס פרייד די פרשה פון ביכורים.**

• • •

**דאָס אויבן־געזאָגטע גיט צו אַ פאַרשטאַרקטן חיות און שמחה אין דער ספעציעלער עבודה פון אַ אידן במשך דעם חודש אלול – די צייט פון חשבון הנפש אויפן פריערדיקן יאָר און צוגרייטונג צום קומענדיקן יאָר, הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה ולברכה – ווען יעדער איד פילט זיך נאָענט צום אויבערשטן,** אני לדודי ודודי לי; **און ווי דער באַוואוסטער משל פון אַלטן רבי׳ן, אַז אין חודש אלול איז דער אויבערשטער פירט זיך דאַן מיט אידן אויפן שטייגער ווי אַ מלך וואָס גייט אַרויס „אין פעלד״ און איז דאָרט מקבל פנים יעדן איינעם** בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם.

**ווען אַ איד פילט אָט־די נאָענטקייט פון השי״ת, רופט עס ביי אים אַרויס אַ צווייענדיקע התעוררות אין האַרצן – פון איין זייט אַ גרעסערע אָנשטרענגונג אין זיין חשבון הנפש און הכנה, דורך פאַרבעסערן זיך און אויפהויבן זיך אין יעדן און אין אַלע פרטים פון עבודת השם – תורה, עבודה און גמילות חסדים, ווי ס׳איז**

---

קורין . . נלך: **רמב"ם שם פ"ד הט"ז, מירושלמי שם פ"ג ה"ב.**

שמחתי . . נלך: **תהלים קכב, א.**

קומענדיק אין ירושלים . . האָט יעדער ברייגנער . . אַליין געגומען זיין „סל״ . . אויף זיין אַקסל: **ביכורים פ"ג מ"ד. תוספתא ביכורים פ"ב ה"ח. רמב"ם שם פ"ג הי"ב. פ"ד הי"ז.**

ואומרין . . הללוי׳: **רמב"ם שם פ"ד הי"ז, מירושלמי שם פ"ג ה"ב.**

הללוי׳ הללו א־ל בקדשו וכו׳: **תהלים מזמור קנ. וראה ביאורו: פרדס שער ב רפ"ג ורפ"ה. ועוד. אוה"ת לתהלים (יהל אור) ע׳ תקפח ואילך.** וש"נ.

וענית ואמרת: **תבוא כו, ה. וראה לקוטי לוי יצחק לנ"ך ע׳ רמד.**

אני לדודי ודודי לי: **שה"ש ו, ג. – ר"ת אלול (נסמן במכתב ח"י אלול ש.ז. הערה ד"ה זה (לעיל ע׳ 457)).**

דער באַוואוסטער משל פון אַלטן רבי׳ן: **לקו"ת פ׳ ראה ד"ה אני לדודי הא׳ ס"א (לב, ב). וראה ד"ה אני לדודי תשמ"ג (סה"מ מלוקט ח"א ע׳ תסז ואילך), השייכות דמאמר זה (שבלקו"ת) לפרשת ראה והרמז לדף לב.**

תורה, עבודה און גמילות חסדים: **שלושת העמודים שעליהם העולם עומד וקיים – אבות פ"א מ"ב. שם מי"ח. וראה ד"ה על שלשה דברים העולם עומד שנאמר ב„חנוכת ביהכנ"ס, כ"א אלול, שי"ת״ (נדפס בסה"מ הש"ת ע׳ 160 ואילך). ד"ה זה בסה"מ מלוקט ח"ד ע׳ שפג ואילך.**

צוגעפּאַסט פּאַר דער אויפפירונג פון איינעם וואָס געפינט זיך אין אַזאַ אויסנאַמס נאָענטקייט צו מלך מלכי המלכים הקב״ה: און צוזאַמען דערמיט, אַ טיפער אהבה־געפיל צום אויבערשטן (ווי אויסגעדריקט אין די ווערטער „אני לדודי״), ביים דערהערן און דערפילן די גרויסע און וואַרעמע „הארת פנים״ פון דעם אויבערשטן צו יעדן אידן.

* * *

ויהי רצון, אַז יעדער איינער און איינע זאָל אויסניצן די לעצטע סגולה־טעג פון דעם סגולה־חודש אלול, פון דעם סגולה־יאָר „הי׳ תהא שנת אראנו נפלאות״ – אין דער פולסטער מאָס,

און מען זאָל גלייך זוכה זיין צו „תבוא אל הארץ אשר ה׳ אלקיך נותן לך וירשתה וישבת בה״, ביז אַז יעדער איד באַזעצט גלייך זיין אייגענעם חלק אין ארץ ישראל,

און ברענגט גלייך ביכורים בפשטות, ובשמחה גדולה, אין דעם בית המקדש השלישי, וואָס וועט געבויט ווערן דורך דעם אויבערשטן אַליין, מקדש אדנ־י כוננו ידיך, ומעשה ידינו כוננהו,

אין דער גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, תיכף ומיד ממש.

בכבוד ובברכת כתיבה וחתימה טובה

לשנה טובה ומתוקה

---

דעם סגולה־חודש אלול: שבו הוא זמן התגלות י״ג מדות הרחמים – לקו״ת ד״ה הנ״ל שם (לב, א־ב). ד״ה זה הב׳ ס״א (לג, א). שם ד״ה ושמתי כדכד הא׳ ס״א (כד, ד). מאמרי אדהאמ״צ דברים ח״ב ס״ע תכב ואילך, ובהנסמן שם בהערה ד״ה הנזכר בספרי הקבלה.

הי׳ תהא שנת אראנו נפלאות: ראה בארוכה מכתבים כלליים לחג הפסח שנה זו*.

בית המקדש השלישי, וואָס וועט געבויט ווערן דורך דעם אויבערשטן אַליין: פרש״י ותוס׳ סוכה מא, סע״א. תוד״ה אין – שבועות טו, ריש ע״ב. זהר ח״א כח, א. ח״ג רכא, א. תקו״ז תיקון ח. פרש״י עה״פ מקדש אדנ־י כוננו ידיך.

מקדש אדנ־י כוננו ידיך: בשלח טו, יז.

ומעשה ידינו כוננהו: תהלים צדי״ק, יז (טו״ב). ובמדרש תהלים עה״פ: לעתיד לבוא אני אבנה אותו ומשרה שכינתי בתוכו ואינו חרב לעולם.

---

*) נדפסו בסה״ש תנש״א ח״ב ע׳ 883 ואילך. המו״ל.

# צילומי עלי ההגהה דשיחת ב' אלול, אחר תפלת המנחה תשל"ז

## סקירה קצרה על שיחת ב' אלול ה'תשל"ז

בקיץ תשל"ו הכריז כ"ק אדמו"ר על מבצע חינוך, ועל השנה כ"שנת החינוך". בהמשך לזה עורר על שינון הי"ב פסוקים ומאמרז"ל. בל"ג בעומר הי' פאראד, וכ"ק אדמו"ר השתתף בזה על אף שלא היתה ביום ראשון. ב'פאראד' זה אמר ג' שיחות וביני השיחות תורגמו באנגלית.

ביום ג, ב' אלול תשל"ז התקיים כינוס של ילדים מהמחנות קיץ היומיים. בכינוס זה הותחל "סדר" חדש של כינוסי ילדים: בתחלה אמרו את הי"ב פסוקים ומאמרז"ל, אח"כ אמר כ"ק אדמו"ר ג' שיחות כמו הפאראד של שנה שעברה, ואח"כ נתן להמדריכים מטבעות של עשר סנט לחלק להילדים, ב' מטבעות לכ"א, א' לתת לצדקה, והב' בשביל עצמם. וממנו והלאה נהי' כך הסדר הרגיל של כינוסי הילדים.

בהמשך לזה, הואיל כ"ק אדמו"ר להגי' השיחה ויצא לאור בחוברת בפ"ע, ואח"כ בלקו"ש חי"ד ע' 276.

את צילומי כתי"ק עלי־ההגהה משיחה זו מפרסמים אנו בזה בקשר ליובל שנים משנת החינוך. וזאת למודעי: בעיון בהגהות יש להבהיר, שאין 'קדושה' מיוחדת בהמילים שהוסיף וכו' יותר על שאר השיחה, ואדרבה - החידוש הכי גדול הוא שמ'הנחה' שערכו אנשים שוכני בתי חומר, נהי' שיחה מוגהת בחותם כ"ק אדמו"ר. ולהעיר, שישנם שיחות ומאמרים שכ"ק אדמו"ר הואיל להגי' בהם רבות ובכ"ז לא יצא בטבעת המלך כ'מוגה', ולאידך, ישנם שיחות ומאמרים שהגי' בהם מועט או רק שם V עליהם ויצאו לאור בטבעת המלך, ואין אחר המלך כלום. ומפרסמים אנו בזה הצילומים לחביבותא דמילתא של 'א כתב פון רבי'ן' בלבד.

### השתלשלות ההגהה בשיחה זו

